די שווארצע בענדער

# תורת יואל

גליון מס' 48

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת ראה תשפ"ה

## ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

דער רבי ז"ע איז מדייק, אויפן ווארט **לפניכם**, וואס איז טייטש איך טוה ענק פארלייגען, עס וואלט געדארפט שטיין **לכם** איך גיב ענק די ברכה? אויך דארף מען פארשטיין וואס די תורה וויל לאזן הערן מיט די ווארט **היום**?

עס שטייט פון די בעלי התוספות (דעת זקנים) אויפן פסוק **נותן לפניכם היום**, היום: בעולם הזה איז דא סיי א ברכה און סיי א קללה, אבער בעולם הבא וועט נאר זיין א ברכה, פרעגט דער רבי, וויאזוי דרייט זיך איבער פון קללה צו ברכה, און ס'ווערט אלעס א ברכה?

דער רבי איז מבאר די גמרא וואס זאגט: **התורה קדמה לעולם**, טייטש: די תורה איז געשריבן געווארן נאך פאר די וועלט איז באשאפן געווארן, איז דאך שווער: אונז ווייס מיר דאך אז א מענטש האט א בחירה: יא חלילה זינדיגן אדער נישט - איז תלוי בדעת האדם, אויב אזוי ווי קען שטיין אין די תורה די מעשה העגל, אויב די תורה איז געשריבן געווארן פאר בריאת העולם?, ווער זאגט אז די אידן וועלן טאקע זינדיגען? א איד האט דאך א בחירה, און קען זיך צוריק האלטן פון אן עבירה, אפשר וועלן די אידן סוכ"ס נישט מאכן דעם עגל.

דער רבי פארענטפערט די קשיא מיט א **רמב"ן**, וואס זאגט: אז דאס וואס שטייט אז די תורה הקדושה איז געשריבן געווארן פאר בריאת העולם, מיינט נאר די צירופי האותיות, דאס הייסט נאר די אותיות, נישט די צוזאמשטעל פון די ווערטער, די ווערטער שטעלן זיך אויס שפעטער לויטן די מאורעות - געשעענישן, און אויב די אידן וואלטן נישט געזינדיגט ביים עגל, וואלטן זיך די אותיות אנדערש אויסגעשטעלט.

פיהרט אויס דער רבי - די תורה איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני אויך נאר די אותיות, און די ווערטער האבן זיך שפעטער אויסגעשטעלט לויט די זמנים און מאורעות, דאס הייסט לויט די געשעענישן, אין דאס איז פשט אין פסוק **ראה אנכי לפניכם**, איך טהו ענק נאר "פארלייגען" די תורה, ווייל די ווערטער ווענדט זיך אין ענקערע מעשים, און ענקער בחירה, וועט איר אויסוועלן די גוטע וועג, וועלן אלע אותיות זיך אויסשטעלן אלץ א ברכה, אויב חלילה פארקערט וועט זיין א קללה רח"ל, ווי דער מדרש זאגט **אמר רבי אלעזר.......מפי עליון לא תצא הרעות**, פון דעם הייליגן באשעפער קומט נישט ארויס קיין שלעכטס, נאר מיט אייערע מעשים ווערן די אותיות איבערגעדרייט צו א קללה רח"ל.

און דאס איז אויך פשט **היום** ווייל נאר היינט - בעולם הזה קאן דאס געשען, אבער אין עולם הבא - שכולו טוב, וועט זיין אלעס נאר ברכה.

# א בינטעל זכרונות

**הרה"ח רבי שלום האלפערט שליט"א - משב"ק**

**די וואך פאלט אויס די יומא דהילולא פון רביה"ק, רבינו יואל בן חנני' יו"ט זצוק"ל, איז פאסיג דער זמן צו כאפן א שמועס מיט איינע פון די לעצטע משבקי"ם, וואס האט געהאט די זכי' צו באגלייטן רביה"ק די לעצטע תקופה לחייו, עד יומו האחרון, מיר האבן אויפגעזוכט הר"ר שלום שליט"א, וואס האט מסכים געווען מיטצוטיילן זיינע זכרונות, (תשו"ח פאר הרב ר' ישראל וו. האלפערט - א אייניקל, לעזרתו החשובה) אט וואס ער פארציילט.**

## כד חלש רב....שבוע האחרון.

די לעצטע וואך וואס דער רבי האט געלעבט, האט ער פון מיטוואך נישט אויפגענומען קיין מענטשן, אבער פרייטאג אינדערפרי פאר די הכנות, האט דער רבי געזאגט "יעצט קען איך אויפנעמען". עס האט אים ווי געטון אז מען האט געדארפט אהיימשיקן מענטשן דורכאויס דער וואך, איינער פון די וואס האבן זיך געזעגנט דעם לעצטן פרייטאג איז געווען מיין שווער, להבחל"ח ר' רפאל בנימין כ"ץ ע"ה.

איך געדענק אז ערב שב"ק כ"ד מנחם אב שנת תשל"ט, צוויי טעג איידער'ן הסתלקות לחיי העולם הבא, האט דער רבי געשניטן די נעגל לכבוד שבת, איך האב אים אפגעשוירן די האר, און ער איז ארויס לצרכיו, און נאך יעדעס מאל האב איך געוואלט צוטראגן וואסער דער רבי זאל זיך וואשן די הענט, ווי ס'איז געווען מנהגו מאז, דער רבי האט דאס איצט אפגעווארפן און געזאגט אז מען וועט זיך שוין באלד וואשן אויפאיינמאל, ויהי לפלא.

נאכדעם איז דער רבי ארויף צום ערשטן מאל באזוכן די נייע רחבות'דיגע דירה וואס מען האט געבויעט (דער בנין איז שפעטער גענוצט געווארן פאר'ן "ילד שעשועים"), וואס לויט'ן פלאן האט ער זיך געדארפט אהין אריינציען דעם פאלגענדן זונטאג, כ"ו אב, דער רבי האט זיך אראפגעזעצט אויפ'ן בענקל אינעם צימער וואס איז געווען געאייגנט פאר'ן ספרים שטוב, מען האט געברענגט פאר'ן רבי'ן דעם אויל און צוקער צוזוגרייטן.

פון דארט איז מען געגאנגען אין מקוה לכבוד שבת, אין דער מקוה וואס איז געווען אינעם רבי'נס דירה בבנין ביהמ"ד הגדול, נאך דער טבילה במקוה, האט מען ווידער געברענגט פאר'ן רבי'ן וואסער זיך צו וואשן די הענט אינעם שלאף-שטוב וואו ער איז געווען גרייט פאר'ן דאקטער, דער רבי האט זיך געוואשן, איך בין דערוויל געווען אין דיינינג רום צו אנגרייטן די ליכט.

אינמיטן הערט די רביצין ווי דער רבי בייזערט זיך, און זאגט מיר, "דער רב בייזערט זיך" האב איך געפרעגט, "אויף וועם בייזערט זיך דער רב?" האט זי מיר געזאגט "אויף דיר" האב איך איר געזאגט אז ווילאנג דער רב בייזערט זיך נאך איז גוט..." איך בין געגאנגען זעהן וואס עס גייט פאר, און געזעהן ווי דער רבי האט באפוילן מען זאל ברענגען נאך וואסער, און נאכדעם נאכאמאל ביז פיר מאל, ווען דער רבי האט דאן זיך געוואשן פאר יעדער זאך באזונדער, פאר'ן שניידן די נעגל, די האר, די מקוה.

האב איך געפרעגט דעם רבי'ן, "אזוי איז דאך נישט אינטערעסאנט! איך האב געמיינט אז מען וועט זיך וואשן אויפאיינמאל." האט מיר דער רבי געזאגט, "לאז מיר אפ מיט די מעשיות."

מען האט שוין געזען סוף וואך אז דער רבי איז אפגעשוואכט, בכלל פון פסח איז דער רבי שוין געווען אביסל אפגעשוואכט, פרייטאג איז געווען נאך שווערער, דער רבי האט שווער געגרעדט, שבת איז געווען אביסל שווער, אבער נישט אז מ'זאל טראכטן אז ס'גייט עפעס זיין, סך הכל איז עס געווען וואסער אין די לונגען, וואס איז שוין אסאך מאל געווען, א יאר פארדעם איז אויך אזוי געווען.

איך האב געמאכט די ליכט. דער רבי האט נישט אזוי גוט געשפירט, און דער דאקטער איז געקומען, ער האט נישט געזען עפעס ספעציעל, ר' שלמה בראוור ע"ה האט זיך נאך געזעגנט מיט א קוויטל פרייטאג נאכמיטאג.

פרייטאג צונאכטס איז נישט געווען קיין טיש, ס'איז ניטאמאל געווען א מנין, נאר צום בענטשן איז געווען מזומן.

# א בינטל זכרונות (המשך)

הרה"ח רבי שלום האלפערט שליט"א - משב"ק

כ"ק אדמו"ר מהרי"י שליט"א האט געבענטשט אויפ'ן כוס, נאך דער סעודה האט דער רבי געלייענט קריאת שמע, דער רבי האט געזאגט אזא מין מורא'דיגן "אחד", וואס גייט נישט ארויס פון זכרון עד היום, מען האט נישט געהאט קיין אנונג אז פיר און צוואנציג שעה שפעטער וועט ער שוין נישט זיין אויף דעם עולם.

שבת צופרי איז געווען שווער, דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד, און ר' מאיר שפיץ האט איבערגענומען. "ראש חודש בענטשן" האט מען קוים געהערט, נאכ'ן דאווענען איז נאך געווען א ברית, דער רבי איז געווען סנדק.

אנפאנג סעודה בין איך געווען, און דערנאך בין איך אהיימגעלאפן מאכן די סעודה. איך בין נאכדעם צוריקגעקומען צום רבי'ן. מנחה געדענק איך נישט צי דער רבי האט נאך געדאוונט, מעריב מוצ"ש זיכער נישט.

מוצ"ש איז דר. בענדער געקומען מיט נאך פיר דאקטוירים, ער האט צוגעלייגט דעם הערצע, ממש א האר, און ער רופט זיך אן: דער רבי איז נאך דא? דער רבי וואלט זיך שוין לאנג געדארפט געפונען אין שפיטאל!! דעמאלט האב איך געזאגט פאר עזריאל אז עס זעט שוין אויס ערנסט, מען האט אנגעטון דעם רבי'ן דעם הוט, עס איז נישט געווען מעגליך צו איבערטון אלע בגדים, אין אמבולאנס האט דער רבי געמאכט מיט די הענט, ווי צו פרעגן, "וואו גייט מען?" האט מען געזאגט פאר'ן רבי'ן אז מ'פארט אין שפיטאל אויסטשעקן. דער רבי האט נישט געמאכט אן עסק, און קיינער האט נישט געטראכט אז דאס איז שוין ממש דער סוף, כ'האב געטראכט אז אפשר איז דאס א סטראוק.

אגב, דער דר. בענדער איז געווען אן אפיקורס. ער האט גערעדט א פוילישער אידיש, אבער נישט געגלייבט גארנישט, אפילו ער האט געזען דעם רבי'ן.

נאכ'ן פארן אביסל, אביסל נאך דעם טאלל-בוט, אנפאנג פונעם טרוואוועי, האט זיך דער אמבולאנס צעבראכן, און יעדער איז אריבער אין קאר פון ר' יצחק שווארץ וואס איז געפארן פאראויס, און ווען ער האט באמערקט ווי דער אמבולאנס פארט נישט נאך האט ער צוריקגעבעקט, עס האבן זיך דארט ארייגעשטופט דער רבי, די רביצין, ר' עזריאל גליק, אני הק', שלום יוסף ווייס, און משה גפן. מיר האבן מיטגעברענגט א זמירות פאר'ן רבי'ן צו זינגען די זמירות למוצ"ש.

אין מאונט סיני איז דער רבי געווען אין עמערדזשענסי רום, מען האט נאך אראפגעברענגט דאס וואסער, צוערשט האט מען מיך נישט אריינגעלאזט, האב איך געזאגט "עס איז עפעס רוסלאנד דא?" און איך בין אריין. דארט איז דער רבי נסתלק געווארן, מען איז בכלל נישט ארויף און א געהעריג צימער. ער האט א גאנצע נאכט געמאכט מיט די הענט אויפ'ן שטערן און דער בארד, ער האט שוין נעבעך געהאט דעמאלט אקסיגען אויף דער נאז.

בערך זעקס אזייגער פארטאגס האט מען געזען אז דער מצב טויג נישט. מען האט געזען אז ס'איז צרות. די דאקטוירים האבן פרובירט צו טון וואס מען קען, מען האט גערעדט וועגן לייגן א פעיסמעיקער, אבער עס האט לײדער נישט געארבעט.

מען האט נאך געמאכט סי-פי-אר. האב איך געזאגט פאר ר' עזריאל, "דו זעסט נישט אז ס'איז צרות?" ער האט מיר געזאגט אז די דאקטוירים זאגן אז אחד מני אלף קען מען נאך צוריקברענגען, און מיך געפרעגט, "דו נעמסט אויף דיין אחריות?" האב איך געענטפערט, "ניין, איך נעם נישט קיין אחריות!"

ווען דער רבי איז אוועק, בין איך געשטאנען צופוסנס, און ר' עזריאל איז געווען צוקאפנס, די רעכטע זייט פון רבי'ן, לכאורה איז זיין האנט געווען אונטער'ן רבי'נס קאפ, קיינער אויסער אונז איז נישט געווען אינעווייניג. איך האב צוגעמאכט דעם רבי'נס אויגן, וכבה נר ישראל.

די חברה קדישא פארציילן אז דעם רבי'נס צורה האט געלויכטן ביי דער טהרה.

זונטאג האט מיר די רביצין געזאגט, "הלוואי ווען רב בייזערט זיך נאך..."

***עד כאן פון די נאטיצן פון הר' שלום האלפערט שליט"א***

מנהג | טעמו | ומקורו

## לבישת טלית בליל שבת - אנטוהן א טלית גדול פרייטיג צונאכטס (ב)

דער מנהג האט מען געזען ביי אלע חסידישע הויפן, אין ספר אוצר החיים (מנהגי הדברי חיים - צאנז) שרייבט: אז דער צאנזער רב זצ"ל האט אנגעהאט א טלית פרייטיג צונאכטס א גאנצען דאווענען, אין משמרת שלום (קוידינאוו) שטייט: אז מען האט אנגעטוהן א טלית אפי' מען איז נישט געווען בעל תפילה, דער מנחת אלעזר ברענגט אז כל צדיקי גאליציען האבן אנגעהאט א טלית אויפן קאפ ביז נאך מעריב.

אין ספר הדרת קודש ווערט געברענגט א מעשה וואס דער נאסויד'ער רב זצ"ל האט פארציילט, אז דער צאנזער רב זצ"ל געפרעגט זיין איידעם, רבי מרדכי מ'הורונסטייפל, פארוואס ער טוט נישט אן א טלית פרייטיג צונאכטס, האט רבי מאטעלע געענטפערט, אז ער האט געזעהן שטיין אין ספרים הקדושים, אז ווער ס'איז נישט בכוח מתקן זיין נפשות ב'ישראל, זאל נישט אנטוהן קיין טלית ליל שבת, אויף דעם האט דער צאנזער רב מעיר געווען, אז אויב ער האט שוין זיך מתקן געווען, קען מען שוין אויך אנטוהן א טלית.

נאך די הסתלקות פון דעם קדושת יו"ט, האבן די הייליגע זיהן דער עצי חיים און רביה"ק, צוליב ענווה נישט געוואלט אנטוהן א טלית ליל שבת, נאר אנגעטוהן צו מנחה מיט א ברכה, און אויסגעטוהן פאר קבלת שבת.

הרה"ק מ'פלאנטש זצ"ל האט מערערע מאל געבעטן זיין איידעם ער זאל אנטוהן, אבער רבינו בענוותונותו האט עס אפגעשטופט, נאך אסאך הפצרות פון זיין שווער, האט רביה"ק צוגעזאגט אז ס'וועט קומען דער טאג און ער וועט אנטוהן א טלית ליל שבת, אויך אין די שפעטערע יארן האט הרה"ק מ'נאסויד מפציר געווען רבינו ער זאל אנטוהן, אבער רביה"ק האט אלץ אפגעשטופט אויף שפעטער.

למעשה, האט ער עצי חיים געטוישט זיין מנהג, צוליב א מעשה, איינמאל פורים שחל בערב שבת, און דער עצי חיים האט געדאווענט מנחה פארן עמוד, נאך מנחה ווילענדיג אויסטוהן דעם טלית, איז צוגעגאנגען דער פורים רב און גוזר געווען בגזירת רב, אז ער זאל בלייבן מיטן טלית צו קבלת שבת, דער עצי חיים האט עס אנגענומען, און זינט דאן שוין געבליבן דאווענען יעדע וואך מיטן טלית ליל שבת, ביז נאך מעריב.

רביה"ק האט אויך געטוישט צוליב א מעשה שהי', בשעת די נסיעה אין ארץ ישראל שנת תרצ"ב, האט ער געדאווענט אין א ביהמ"ד וואס דער גאנצער עולם טוט אן א טלית פרייטיג צונאכטס, און נאך מנחה האט ער געזעהן ווי אלע מתפללים האבן אן די טליתים, איז ער אויך געבליבן מיטן טלית ביז נאך מעריב, און שוין אזוי פארבליבן אלע יארן שפעטער.

דער ברך משה, אלס סיגוט'ער רב, פלעגט אויסטוהן דעם טלית נאך מנחה, און נאך די פטירה פון רביה"ק האט ער אנגעהויבן בלייבן מיטן טלית ביז נאך קידוש.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**


**יום בשורה הוא לנו, שהחיינו וקימנו לראות אור עולם, נופח ספיר ויהלום ספר דעה ואמונה, מקחו של רבינו על הגאולה ועל התמורה בעריכה נאה ומפוארה, חדשה וגם ברורה להקל את הקורא, להבין ולהשכיל התורה**

